


**שטימט לטובֿת שוועדן**

**ווען די וועלט איז אומרויִק, זאָל מען יאָ טאָן אַ טראַכט וועגן ווער קען מען אָנטרויען.**
**ווער איז אַחריותדיק און ווער איז סטאַביל.**
**ווער אַרבעט לטובֿת דעם לאַנד.**

מיר גלייבן אין דעם וואָס אַ מענטשן זאָל האָבן די פֿרײַהייט צו אויסקלײַבן וועלכע ברירה סע זאָל ניט זײַן, און דערצו אויך קענען אָננעמען די אייגענע באַשלוסן. מיר גלייבן אין פֿאַרקלענערטן שטײַער און אַ פֿאַרבעסערטן מצבֿ פֿאַר געשעפֿטן. מיר גלייבן אין מענטשן־רעכט. מיר וואַקלען זיך קיין מאָל ניט ווען סע קומט צו דער יורידישער גלײַכרעכטיקייט. מיר אַרבעטן צו פֿאַרזיכערן אַז פֿרויען זאָלן האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן ווי מענער. אַז מע זאָל קענען האָבן ליב ווער סע זאָל ניט זײַן – עפֿנטלעך, אָן קיין שרעק. מיר ווייסן אַז עס איז דאָ אַ קלימאַט־קריזיס און מיר ווילן עפּעס טאָן מיט מער באַנײַענדיקע ברענוואַרג אין די אויטאָס און גרינער עלעקטריע אין די הײַזער. אָט דאָס איז אַ פּאָליטיק לטובֿת שוועדן.

צי ווילסט עפּעס טאָן לטובֿת דעם גאַנצן שוועדן?

**שטימט פֿאַר דער צענטער־פּאַרטיי!**

Centerpartiet

# פֿאַר דיר וואָס ווילסט עפּעס טאָן לטובֿת שוועדן.

**שוועדן און די וועלט מוזן לייזן אַ סך גרויסע פּראָבלעמען. מע קען גיין אין צוויי פֿאַרשיידענע וועגן. מע קען אָדער אַרבעטן אַחריותדיק צוזאַמען, מיט אַ באַזע אין דער צענטריסטישע שוועדישע פּאָליטיק. מיט קראַפֿטיקע אינטערווענצן פֿאַר דעם קלימאַט, דער גלײַכרעכטיקייט און דעם גאַנצן לאַנד. אָדער געבן אַ קריטישע השפּעה די פּאָפּוליסטישע קראַפֿטן פֿון אומצוטרוי, גנאַי־אָפּשאַץ און האָמאָגעניזאַציע. וואָס ווערט, לויט דיר, צו טאָן שוועדן אַ טובֿה?**

די צענטער־פּאַרטיי איז דאָ פֿאַר זיי וואָס אַרטן זיך מיט די אמתדיקע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען - און ווילן עפּעס טאָן כּדי זיי צו לייזן.

וואָס ווילן עפּעס טאָן כּדי צו ראַטעווען דעם קלימאַט פֿאַר דעם וואָס סע איז צו שפּעט.

וואָס ווילן זען מער שטעלעס און פֿירמעס איבערן גאַנצן לאַנד, ניט נאָר אין די גרויסע שטעט.

וואָס ווילן בטל מאַכן מענערס גוואַלד קעגן פֿרויען.

וואָס ווילן אַז די געזעלשאַפֿט זאָל פּרבירן העלפֿן קינדער מיט פּסיכישע פּראָבלעמען.

וואָס האַלטן אַז שוועדן און אַלע אַנדערע לענדער האָבן אַ שולדיקייט, לויט די מענטשן־רעכט, צו העלפֿן מלחמה־פּליטים.

וואָס האַלטן אַז מיר נייטיקן זיך אין מער קאָאָפּעראַציע, ניט ווייניקער.

וואָס ווילן עפּעס טאָן לטובֿת שוועדן.

קלײַב אויס אַ גרינע, ליבעראַלע פּאַרטיי וואָס וויל קאָאָפּערירן לטובֿת שוועדן – קלײַב אויס די צענטער־פּאַרטיי.

## לטובֿת דעם קלימאַט, דער גלײַכרעכטיקייט און די דערפֿער

### לטובֿת דעם קלימאַט
מיר מוזן זיך צופּאַסן צום קלימאַט־מצבֿ. שוועדן קען און זאָל פֿאַרויסגיין. מיר מוזן פֿאַרקלענערן די פּאָלוציע און שטאַרק אַרבעטן כּדי צו שאַפֿן נײַע גרינע שטעלעס.

- פֿאַרקלענערן די פּאָלוציע אַ סך
- אַרבעטן מיטן נאָענט־פּראָדוצירטן עסנוואַרג לטובֿת דעם קלימאַט
- פֿאַרגיכערן דאָס אויסבויען די באַנײַענדיקע ענערגיע

### לטובֿת דער גלײַכרעכטיקייט
מענער און פֿרויען מוזן האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן. דערפֿאַר, זאָל מען פֿאַרהעכערן פֿרויענס לוינען און צעברעכן דעם גלעזערנעם דאַך.

- זיכערקייט פֿון גוואַלד פֿאַר פֿרויען און קינדער
- שאַפֿן אַ גלײַכרעכטיקן געזונט־סעקטאָר איבערן גאַנצן לאַנד – מיט אַ געבורט־אָפּהיט גוט ווי די וועלט
- אַרבעטן כּדי צו שאַפֿן גלײַכרעכטיקע לוינען און פֿאַרהעכערן דעם צאָל פֿירנעמערינס

### לטובֿת די דערפֿער
די שוועדישע דערפֿער זענען דעם לאַנדס פֿונדאַציע. פֿונעם גאַנצן לאַנד. דאָ זענען די מעגלעכקייטן צו שאַפֿן נײַע שטעלעס, פּראָדוצירן עסן־וואַרג און באַנײַענדיקע ברענוואַרג.

- פֿאַרגרינגערן דעם פּראָצעס צו גרינדן און אָנפֿירן אַ פֿירמע כּדי צו שאַפֿן שטעלעס איבערן גאַנצן שוועדן, ניט נאָר אין די גרויסע שטעט
- פֿאַרזיכערן אַז עס זענען דאָ גוטע וועגן, אײַזנבאַנען און אַ גוטע אינטערנעץ־פֿאַרבינדונג איבערן גאַנצן לאַנד
- פֿאַרגרינגערן די מעגלעכקייט צו בויען און וווינען אין די דערפֿער